# פרשת תולדות כ"ה חשון - ב' כסלו תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת תולדות***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם נחמיה כ"ץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (יומא כח:) זאגט, אז אברהם אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולה עד שלא ניתנה, ווייל עס שטייט די וואך אין די פרשה (בראשית כו-ה) וישמור משמרתי מצותי חוקותי ותורתי, ער האט מקיים געווען אלע מצות. ער האט משיג געווען פון זיך אליין אלע מצות וואס דער אייבערשטער וועט געבן, און ער האט עס געטון. מצות מילה האט ער געווארט ביז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען דערויף, ער האט עס נישט מקיים געווען אליין. און די מפרשים שטעלן זיך, אויב ער האט מקיים געווען כל התורה עד שלא ניתנה, פארוואס האט ער געדארפט ווארטען הונדערט יאר ביז דער אייבערשטער האט אים געהייסען אז ער זאל זיך מל'ן. ער האט דאך שוין משיג געווען די מצוה פון פריער.

**מען** געפונט אין פרשת וירא (בראשית יח-א), אז נאך די ברית פון אברהם אבינו, האט זיך דער אייבערשטער באוויזען צו אברהם אבינו באלוני ממרא. און רש"י זאגט, הוא שנתן לו עצה על המילה, ממרא האט אים געגעבן די עצה על המילה. אברהם אבינו דארף נישט קיין עצות, און אז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען, ווייסט ער וואס ער האט צו טון, וואס האט ער זיך געדארפט מייעץ זיין מיט ממרא.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. עס שטייט אין די מפרשים א תירוץ אויף די קשיא וואס מען האט פריער גערעדט, פארוואס אברהם אבינו האט זיך נישט גע'מל'ט קודם. ווייל גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה (בבא קמא פז.), א מצווה ועושה, ווען א מענטש טוט א זאך ווייל מען האט אים געהייסען, איז עס א גרעסערע חשיבות פון א אינו מצווה ועושה. אלע מצות וואס אברהם אבינו האט מקיים געווען, איז ער געווען א אינו מצווה, מען האט אים נאכנישט מצווה געווען. און א אינו מצווה ועושה איז אויך א ענין. אלע מצות האט ער שפעטער געקענט מקיים זיין נאכאמאל, ווען ער וועט זיין א מצווה. אבער מצות מילה קען מען נאר מקיים זיין איין מאל אין לעבן, און אויב ער וועט זיך מל'ן אלץ אינו מצווה ועושה, וועט נישט אויסקומען אז ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה שפעטער אלץ מצווה ועושה, און גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, האט ער ביי די מצוה געווארט ביז דער אייבערשטער וועט אים מצווה זיין.

**אבער** מען קען נאך אלץ דן זיין דערין. וואס איז דער טעם אז א מצווה ועושה איז מער פון א אינו מצווה ועושה, שטייט אין תוספות (עבודה זרה ג.) ווייל א מצווה האט א יצר הרע אז ער זאל נישט טון די מצוה, איז ממילא קומט אים אן שווערער מקיים צו זיין די מצוה. אבער א אינו מצווה, איז ער דאך נישט מצווה, איז נישט קיין חילוק צו ער האט עס יא געטון צו נישט געטון. א מצוה וואס קומט אן מיט שוועריקייטן, האט א גרעסערע חשיבות. אויב דו ביסט א מצווה ועושה, האסטו גרעסערע נסיונות אז דו זאלסט עס נישט מקיים זיין, איז א מצווה ועושה גרעסער פון א אינו מצווה ועושה.

**דער** דיון איז גוט וועט מען רעדט אקעגן די גמרא (בבא קמא פז.), אז רב יוסף איז געווען א סגי נהור, און קודם האט ער געהאלטן אז ער איז פטור פון די מצות, און אז ער איז פטור פון די מצות קומט אויס אז ער איז א אינו מצווה ועושה, און ער האט געהאלטן אז א אינו מצווה ועושה איז נאך חשוב'ער, האט ער געהאלטן פאר א חשיבות אז ער איז מקיים אלע מצות כאטש ער איז נישט מצווה. אבער ווען ער האט געהערט די מאמר פון גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה, איז געווען פארקערט, ווער עס וועט אים זאגן אז די הלכה איז נישט אזוי ווי רבי יהודה, וואס זאגט אז א סומא איז פטור פון אלע מצות, און ער איז יא א מצווה ועושה, וועט עס זיין חשוב'ער. ווען עס איז דא צוויי מענטשן, א סומא מיט א בריא, און דער סומא איז א אינו מצווה ועושה, און דער געזונטער איז א מצווה ועושה, איז ער גרעסער, ווייל גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה, אבער ווען מען

רעדט פון אברהם אבינו, אויב ער וועט זיין א אינו מצווה ועושה, און ער וועט יעצט מקיים זיין די מצוה, איז דאך זריזין מקדימין למצות, ער קען עס מקיים זיין אפאר יאר פריער. אויב ער איז א מצווה ועושה, די מצוה וועט טאקע האבן א גרעסערע חשיבות, אבער אזוי ווי ער טוט עס ערשט שפעטער, פעלט דאך אין די זריזות פון די מצוה. און אויף דעם איז שוין דא א דיון אין די פוסקים וואס עס קומט פריער, זריזין מקדימין למצות, צו א מצוה מיט א הידור קומט פריער. מצווה ועושה איז א הידור'דיגע מצוה, און מל'ן זיך פריער, איז א זריזות'דיגע מצוה. האט אברהם אבינו מסופק געווען, וועלכעס קומט פריער. צו ער זאל זיך מל'ן קודם, און נישטווארטען, ווייל זריזין מקדימין למצות, ער וועט טאקע נישט האבן די חשיבות פון א מצווה ועושה, אבער זריזין קומט פאר דעם. צו ער זאל ווארטען ביז ער וועט ווערן א מצווה ועושה, און דעמאלטס וועט ער מקיים זיין די מצוה (עיין **מגן אברהם** הל' תפלין סימן כ"ה סק"ב).

**די** שאלה האט ער אדורכגעשמועסט מיט ממרא. נישט ווען דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען איז ער געגאנגען פרעגן ממרא עצה על המילה, נאר ער איז געגאנגען פרעגן א עצה על המילה פאר ער האט זיך נאך גע'מל'ט, צו דארף איך ווארטען ביז עס וועט קומען א ציווי פונעם אייבערשטען, ווייל גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה, צו ער זאל מקדים זיין אלץ זריזין מקדימין למצות. און אויף דעם האט אים ממרא געזאגט, אז טון א מצוה מיט א הידור איז חשוב'ער, האט זיך דער אייבערשער מגלה געווען באלוני ממרא, ווייל הוא שנתן לו עצה על המילה, ער זאל אויסווארטען מיטן מילה ביז דער אייבערשטער וועט אים מצווה זיין.

*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פריעדמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם הרבנית ע"ה (אלמנת הגה"צ **רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן** זצ"ל ראב"ד דקהל יטב לב סאטמאר).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ח סעיף ט"ז) בבית מדרשנו בבארא פארק.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***<u>יום שני פרשת תולדות</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אשר איידליס** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום רביעי פרשת תולדות</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יואל** (ב"ר וואלף) **מארקאוויטש** הי"ו.

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמעון ברילל** הי"ו (חתן הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והשמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אז יצחק האט געהאט צוויי קינדער, יעקב מיט עשו. עשו איז ארויסגעקומען אדמוני, כולו כאדרת שער, ויקראו שמו עשו. רש"י זאגט, אז עשו איז מלשון עשוי, ער איז פערטיג, ער איז געווען נגמר שערו, ער האט אויסגעקוקט ווי א גרויס קינד, האט מען אים אנגערופן עשו. על פי דקדוק וואלט ער געדארפט הייסען עשוי, ער איז פערטיג, ער איז געמאכט. עשו איז נאר די אותיות פון עשוי, אבער עס ליגט נישט

אינעם ווארט אז ער איז עשוי. דאס איז טייטש, אז עס פעלט א יו"ד ביים סוף פונעם נאמען פון עשו.

**כמדומה** אז אין די מפרשים שטייט, אז יעקב וואלט געדארפט הייסן עקב, וידו אוחזת בעקב עשו, און יעקב האט צוגענומען די אות י' פון עשו, און פון דעם איז געווארן זיין נאמען יעקב. 'וידו', דער יו"ד וואס וואלט געדארפט צו זיין ביי עשו, 'אוחזת בעקב', דאס האט זיך אנגעכאפט ביי יעקב. וואס איז דער ענין אז עס פעלט די אות י' ביי עשו.

**עס** שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה) אז מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, אן קדושת מילה. ווען מען ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז אויסער די מצוה פאר זיך אליין, וואס דאס איז א געוואלדיגע מצוה, עפענט עס די מעגליכקייט פאר א יוד ער זאל קענען זוכה זיין צו תורה. די **בעלי תוספות** (ריש פ' משפטים) ברענגען צו, אז א גר האט זיך מגייר געווען, און דער מלך האט אים געזאגט, דאס אז דו האסט געוואלט לערנען די תורה, פארשטיי איך, אבער פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב, דער באשעפער גיט נאר די תורה פאר איינעם וואס איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב, לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), אן דעם קען מען נישט זוכה זיין צו תורה.

**עשו** איז געווען אדמוני, עס שטייט אין **בעלי תוספות**, אז ער איז געבוירן געווארן רויטערהייט, און אזוי ווי מען מל'ט נישט א קינד וואס איז געל, אזוי אויך מל'ט מען נישט א קינד וואס איז רויט, ווייל די בלוט איז נאכנישט ביי אים אין ארדענונג. האט ער אים נישט גע'מל'ט תיכף ביי די אכט טאג, און מען האט געווארט אז ער זאל גרעסער ווערן, און שפעטער האט עשו נישט געלאזט זיך מל'ן.

**קומט** אויס, אז עשו האט נישט געקענט זוכה זיין צו תורה, ווייל ער איז נישט געווען נימול. דער אות י', איז דער אות פון חכמה (זוה"ק ח"ג י:). זוכה זיין צו תורה, צו חכמה, דאס איז דער אות פון י'. ער איז געווען עשוי, ער איז געווען פערטיג מיט אלעם, אבער די י' האט אים געפעלט. אזוי ווי ער האט זיך נישט גע'מל'ט, האט ער נישט געקענט זוכה זיין צו חכמה. ער האט געקענט פרעגן נארישע שאלות היאך מעשרין את המלח ואת התבן וכדומה, אבער א תוספות האט ער נישט געקענט אפלערנען. ווייל אז עס פעלט קדושת המילה, איז נישט דא קיין חכמת התורה. וועגן דעם פעלט דער אות י' פון אים, צו ווייזן אז דער אות וואס איז נוגע צו חכמה, דאס איז נישט שייך. עשוי, ער איז געמאכט מיט אלעם, אבער חכמה פעלט אים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר בארא פארק, להשתתף ולפאר בשמחת הבר מצוה של נכדו הבחור **שלמה זלמן** נ"ו בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ראה"כ דקהלתנו הק' בב"פ (**חתן הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ראש ישיבת מונקאטש, בן **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**) שהתקיים בבית המדרש מנחת אלעזר מונקאטש.

קהל גדול של חסידים וידידים אנשי שלומינו ובית מונקאטש, צבאו וגדשו את היכל הבית המדרש, שהיה ערוך בשולחנות ובסעודה רחבה ברוב פאר והדר כראוי וכיאות, כאשר בשלחן המזרח פיארו רבנים גאו"צ וקרובי המשפחה שליט"א, שהגיעו לשמוח בשמחת בית צדיקים.

בשעה המיועדת הופיע **רבינו שליט"א** ביקרו ביחד עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**, וקהל הקודש קיבלו פניהם בשירה ובזמרה ובריקודין של שמחה. – בתחלת הסעודה ערך חתן הבר מצוה נ"ו סיום על כל 'ששה סדרי משנה' שלמד בשקידה. אחר כך נשמעו דברי תורה לרגל השמחה מאת **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ומאת **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א**.

אחר פרקי שירה וזמרה זכו לשמוע דברות קודש **מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** שהביע בהתרגשות שמחתו הגדולה, על הכנסת נכדו החביב לעול התורה והמצות, והמשיך בדברי דרוש והדרכה בענין מעשי האבות שמשפיע על בניהם אחריהם. וסיים בברכות לרוב לכל

בני המשפחה ובראשם הסב הגדול **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**.

אחר הדברות קודש השמיע חתן הבר מצוה נ"ו את הפשעטיל בטוב טעם, בענין שיטת הרמב"ם במצות וברכת תפילין והמסתעף, ופרצו כל הקהל בריקודין של שמחה וחדוה, **ורבינו שליט"א** יחד עם הסב **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** יצאו בריקוד מיוחד עם חתן הבר מצוה נ"ו, **ורבינו שליט"א** המשיך בריקוד עם בנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ובני המשפחה.

אחר שנשמעו דברי תורתו של **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א** בירך חתן הבר מצוה נ"ו ברכת המזון על הכוס, ועברו המשתתפים לפני הסבים **האדמורי"ם שליט"א** ובעלי השמחה שליט"א לברך ולהתברך בברכת מזל טוב.

לכבוד השמחה הגדולה יצא לאור ספר **ויגד משה** (אוצר ענינים), מאוצר כת"י של **הגה"צ רבי משה יהודה כ"ץ זצוק"ל הי"ד**, נדבת לבו של ידידנו הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו, ונתחלק לכל המשתתפים.

**יהא רעוא שמשמחה זו יושפע לנו ולכל ישראל להתברך בכל מילי דמיטב.**

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**אודה** ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, איך וויל אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אז איך קען אטייל נעמען ביי די סעודת בר מצוה פון מיין גאר חשוב'ן אייניקל שלמה זלמן זאל זיין געזונט. ער לערנט פלייסיג, ער פירט זיך אויף אזוי ווי עס פאסט פאר א קינד פון אזא שטוב. דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, ער זאל וואקסן אין תורה און יראת שמים. איך באגריס אלע משתתפים וואס זענען געקומען זיך משתתף זיין אין די שמחה, דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה ביי ענקערע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז די תורה דערציילט אז יצחק האט געהאט צוויי קינדער, יעקב און עשו. און די תורה זאגט, וואס עשו איז געווען, און וואס יעקב איז געווען. ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, ער איז געווען א יודע ציד, ער האט געקענט פאנגען, און ער איז געווען א איש שדה, א פעלד מאן. ויעקב איש תם יושב אהלים, יעקב איז געזעסן און געלערנט. ויאהב יצחק את עשו, יצחק האט ליב געהאט עשו, כי ציד בפיו, ורבקה אוהבת את יעקב, רבקה האט ליב געהאט יעקב (בראשית כה-כז). די מפרשים שטעלן זיך, ווען ער רעכענט אויס וואס עשו איז געווען, זאגט ער צוויי מאל 'איש', ויהי עשו 'איש' יודע ציד 'איש' שדה, ויעקב 'איש' תם יושב אהלים, פארוואס זאגט ער נישט אויך ויעקב 'איש' תם 'איש' יושב אהלים, ביי יעדן טיטול זאל ער צוגעבן דאס ווארט 'איש'.

**אין** די מפרשים שטייט, אז יעקב און עשו זענען צוויי וועלטן. עשו ווען ער שטייט ביי יצחק, פרעגט ער שאלות, האיך מעשרין את המלח, ער ווייזט זיך א פנים פאר א ערליכער איד. אבער ווען ער גייט ארויס אויף דער גאס, איז ער א אנדערער סארט מענטש. אן ערליכער יוד איז איבעראל אייניג, אין שטוב און צווישן מענטשן פירט ער זיך אלץ על דרכי התורה. דער עשו, ווען ער איז געקומען צו יצחק, איז ער געווען איין סארט איש, ער איז געווען א איש יודע ציד, ער האט געוויסט ווי אזוי מען קען מצייד זיין דעם יצחק. ווען ער איז ארויסגעגאנגען, איז ער נישט געווען דער זעלבער איש, ער איז געווען א צווייטער איש, א איש שדה. אבער יעקב איש תם, יעקב איז שטענדיג דער זעלבער. יושב אהלים, ער זיצט און לערנט, און אז מען זיצט און מען לערנט תורה, איז מען א איש תם.

*

**עס** קען אפשר זיין נאך א ענין דערין. מען זעהט אז יצחק האט ליב געהאט עשו, און רבקה האט ליב געהאט יעקב. און די מפרשים שטעלן זיך, ווי אזוי קען דאס זיין. וואס איז געווען דער דיפערענץ אז רבקה איז אזוי, און יצחק איז אנדערש. אין פשטות, מן הסתם שטייט עס שוין, ביי רבקה שטייט (כה-כב) ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרוש את ה'. און מען האט איר געזאגט, שני גוים בבטנך, ושני לאומים ממעיך יפרדו, דו וועסט האבן צוויי קינדער, ולאום מלאום יאמץ, איינער וועט אויסוואקסן א יעקב, איינער וועט אויסוואקסן א עשו, און מען וועט זיך קריגן, ורב יעבוד צעיר. זי האט געוואוסט תיכף נאך בעפאר זיי זענען געבוירען געווארן, אז איין קינד וואס וועט דא ארויסגיין וועט זיין א רשע. זי האט געזעהן אז ווען זי איז

אדורכגעגאנגען על פתחי עבודה זרה איז איינער מפרכס לצאת, און ווען זי איז אדורכגעגאנגען על פתחי בית המדרש איז דער צווייטער מפרכס לצאת, האט זי געוואוסט אז איין קינד דא, איז נישט קיין גערעכטן קינד. זי האט עס קיינמאל נישט איבערגעזאגט פאר איר מאן יצחק, זי האט אים נישט געוואלט מצער זיין, אז איין קינד וואס זי וועט האבן, איז א קינד א רשע. פארוואס זאל זי גיין מצער זיין יצחק, און פארציילן פארן טאטען, וואס מען האט דא געזאגט נביאות. עס איז געגוג נעבעך אז זי ווייסט וואס פאר א קינד זי וועט האבן. זי האט נישט געוואלט מצער זיין יצחק. יצחק האט קיינמאל נישט געוואוסט, אז ער וועט האבן א קינד וואס איז מפרכס לצאת על פתחי עבודה זרה, האט ער געמיינט אז ביידע קינדער זענען וואוילע קינדער, ערליכע קינדער. עשו איז געקומען, און ער האט אים גענארט, האיך מעשרין את המלח, האיך מעשרין את התבן, האט ער געמיינט אז ביידע זענען ערליך, האט ער ליב געהאט עשו.

**רבקה** האט דאך אבער געוואוסט בנביאות דעם אמת, אז דא איז דא איין קינד וואס איז ערליך, און איין קינד וואס איז נישט. אויף יעקב האט זי דאך נישט מסופק געווען, ער איז א איש תם יושב אהלים, מוז ער דאך זיין א צדיק, ער זיצט און לערנט א גאנצן טאג אין בית המדרש, דאס איז נישט דער רשע. דער עשו וואס איז יודע ציד, וואס ער גייט ארויס אין פעלד, דאס איז דער רשע. וועגן דעם איז רבקה אוהבת את יעקב, רבקה האט ליב געהאט יעקב, ווייל זי האט געוואוסט אז נאר איין קינד איז ערליך, און דאס איז יעקב. יצחק האט געמיינט אז ביידע קינדער זענען ערליך, ער האט נאר געהאלטן אז עשו איז טאקע א איש יודע ציד איש שדה, אבער פון דעסטוועגן דאך דינט ער דעם אייבערשטען, האט ער געהאט א אהבה צו עשו.

*

**עס** קען זיין אז עס ליגט נאך א ענין דערין. די וועלט זאגט נאך פון **ראפשיצער רב זי"ע**, אז ער האט געזאגט, אז דער טעם פארוואס רבקה האט ליב געהאט יעקב, נישט עשו. יצחק איז געבוירען געווארן אין א ערליכע שטוב, ער איז נתגדל געווארן אין שטוב פון אברהם, אין א שטוב וואס ער האט שטענדיג געזעהן ביי די עלטערן קדושה און טהרה, ער האט זיך נישט געקענט פארשטעלן אז עס זאל קענען זיין א שווינדלער וואס זאל קענען זיין אינדרויסן א עשו הרשע, און קומען צום פאטער און פרעגן האיך מעשרין את המלח. ער האט נישט געהאט א השגה אז עס קען זיין אזא סארט מענטש וואס זאל זיין אזוי און אזוי, ער האט עס קיינמאל נישט געזעהן, ביי זיין טאטע און מאמע האט ער געזעהן אן ערליך לעבן.

**רבקה** איז דאך געקומען פון א שטוב פון רשעים, א שטוב פון בתואל, א שטוב פון א לבן, זי האט געוואוסט אז עס קען זיין, אז פון איין זייט ווייזט מען א פנים אז מען איז א ערליכער איד, און פון די אנדערע זייט קען מען זיין א עשו הרשע. זי האט געוואוסט אפצושאצן וואס דער עשו איז. יצחק האט נישט געוואוסט אפצושאצן, ווייל יצחק האט שטענדיג געזעהן ערליכקייט, און דאס וואס ער טוט אינדרויסן, האט ער זיך נישט פארגעשטעלט אז עס קען זיין אזוי און אזוי. וועגן דעם איז רבקה אוהבת את יעקב, רבקה האט געוואוסט אז מען קען זיין אחד בפה ואחד בלב, האט זי נישט ליב געהאט עשו נאר יעקב.

**מען** געפונט אין די גמרא (פסחים פח.) אויף דעם בית המקדש, אברהם קראו הר, יצחק קראו שדה, יעקב קראו בית. קומט אויס אז יצחק איז א איש 'שדה', ער איז דער איש וואס האט אנגערופן דעם בית המקדש שדה. זאגט די תורה הק', עשו איז געווען א 'איש יודע ציד', ער האט געוואוסט ווי אזוי מען קען נארן, וועם קען מען נארן, דעם 'איש שדה', דעם יצחק, וואס ער איז דער איש וואס איז קראו שדה, אויף אים איז ער געווען א יודע ציד, צו וויסן ווי אזוי מען קען אים נארן. די מוטער האט ער געוואוסט אז איר קען ער נישט נארן, די מאמע איז א מבין, די מאמע שטאמט פון לבן'ס שטוב, זי ווייסט וואס עס גייט פאר. אבער דעם איש שדה, דעם קען מען נארן. ווייל אלעס ווענדט זיך פון וואס פאר א שטוב מען קומט. יצחק איז געבוירן אין א שטוב פון אברהם, האט ער נאר געוואוסט פון ערליכקייט, ער האט נישט געוואוסט אז עס קען זיין אנדערש. רבקה קומט פון א שטוב פון לבן ובתואל, זי האט געוואוסט אז עס קען זיין אז א מענטש האט צוויי פנימ'ער. האט זי נישט ליב געהאט נאר יעקב, און זי האט פיינט געהאט עשו.

**אברהם** אבינו האט געהאט עשרה נסיונות, און מען זעהט ביי דעם נסיון פון די עקידה, והאלקים נסה ׳את אברהם׳, דער נסיון ווערט נתייחס פאר אברהם אבינו, דער נסיון ווערט נישט נתייחס פאר יצחק. לעולם איז דאך יצחק׳ס נסיון געווען אסאך א גרעסערער נסיון. מען נעמט יצחק, א בחור פון זיבן און דרייסיג יאר, און מען שחט אים, און ער לאזט זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען. מען מאכט נישט קיין עסק פון דעם יצחק וואס ער האט זיך געלאזט ברענגען אויף די עקידה. די עשרה נסיונות ווערט נתייחס פאר אברהם אבינו.

**נאר** דער חילוק איז, יצחק אבינו איז נתגדל געווארן אין א שטוב פון אברהם, ער האט שטענדיג געזעהן מסירת נפש פארן אייבערשטען. ער גייט שוין דריי טעג מיטן טאטען אויפן וועג, און דער טאטע האט אים גארנישט פארציילט וואו ער גייט, אז ער גייט אים ברענגען אויף די עקידה. און נאך דריי טעג ווערט ער געוואר אז דער וועג וואס מען גייט דא, איז אים צו ברענגען פאר א קרבן צום אייבערשטען. ער האט צוריק געקוקט אויפן טאטען, דריי טעג גייט ער מיט א כוונה צו שחט׳ן א קינד, און ער גייט מיט א שמחה, מיט א שמייכל אויפן פנים, אן א ווייטאג אז מען פארלירט א קינד. אמאל קען זיין, אז לפי שעה קען זיך א מענטש מתגבר זיין, אבער דריי טעג צו זיין מיט א טאטען צוזאמען, און נישט דערקענען אויף אים אן אנגעצויגענקייט, אז ער גייט ברענגען זיין קינד אויף די עקידה, איז נישט קיין קונץ נאכדעם פון דעם יצחק, ווען מען זאגט אים אויס, אז דו ביסט די עולה, אז ער זאל זיך לאזן שחט׳ן פאר אן עולה. ווייל א קינד וואס זעהט ביים טאטען א מסירת נפש פארן אייבערשטען, וועגט אלעס איבער. ער זעהט ווי אזוי אברהם אבינו גייט שוין דריי טעג מיט אזא שמחה צו די עקידה, איז ווען מען האט אים געזאגט, אז דו ביסט די עולה, האט ער תיכף מסכים געווען. ווייל א קינד וואס ווערט אויפגעצויגן אויף דעם וועג, דאס בלייבט אינעם קינד.

**לענינינו**, דער חשוב׳ער בר מצוה בחור ווערט נתגדל אין א חשוב׳ע שטוב, ביי מיין זון יהושע. מקצת שבחו בפניו, תורה, עבודה, יראת ה׳ איז חופף על פניו. אין אזא שטוב וואס מען זעהט שטענדיג, אהבת תורה ויראת שמים, קומט נישט קיין גרויסער קרעדיט פארן בר מצוה בחור, אז ער קען ששה סדרי משנה, און ער קען מסכתות. עס קומט זיך, עס איז נאטורליך, עס דארף אזוי צו זיין. ווען עס וואלט נישט אזוי געווען, וואלט עס געווען אן עוולה. ווייל אז מען ווערט נתחנך אין א שטוב פון תורה און יראת שמים, ווי אזוי עלטערן פירן זיך, דאס גייט אריבער פאר די קינדער.

**איך** וויל נאר אזויפיל וואונטשן פארן בר מצוה בחור, אז דער באשעפער זאל אים געבן כוחות צו שטייגן אין תורה און עבודת ה׳. מען האט פריער געהערט ער דרייט זיך אין די שטוב פונעם חשוב׳ן מחותן זאל זיין געזונט, ובראשם דער חשוב׳ער זיידע, וואס ער איז אזויפיל קונה, א כלי מחזיק ברכה, ער ציהט אריין אין זיך יעדעס ווארט וואס ער קען הערן איז ער מקבל. עס איז זיכער אז דאס וואס ער איז געוואקסן און געשטיגן ביז יעצט, נעמט זיך פון דעם וואס ער האט צוגעזעהן די עבודה דא אין שטוב פון די אבות.

**יעקב** איז געווען א איש תם יושב אהלים. רש״י (כה-כז) זאגט, אז אהלים גייט ארויף אויף שם ועבר. איך מיין אז דער יושב אהלים גייט ארויף אויפן טאטען און דעם זיידן. אברהם אבינו האט נאך געלעבט דעמאלטס, ביז די פופצן יאר האט נאך יעקב געקענט אברהם. און ער איז געווען א יושב אהלים, ער איז אפגעזעסן ביים טאטען אין שטוב, און ער איז אפגעזעסן ביים זיידן אין שטוב, איז ער אויסגעוואקסן א יעקב אבינו. דאס איז דער בר מצוה בחור, וואס דרייט זיך דא אין דעם שטוב. דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך, ער זאל שטייגן אין תורה און עבודת ה׳. איך וויל אנוואונטשן פאר׳ן חשובן בר מצוה בחור, פארן אבי הבן, פארן מחותן, פארן זיידן, און פאר אלע מסובין, דער אייבערשטער זאל אונז געבן שמחות און נחת ביי אונזערע קינדער, צו קענען ערציען קינדער אזוי ווי יעקב, וואס איז געווען א איש תם יושב אהלים, מען זאל קענען זיצן באהלה של תורה, און דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת תולדות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **בנימין דאסקאל** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת תולדות – ראש חודש כסלו***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית יחד עם תלמידי הישיבות שהגיעו להשתתף בשמחת הנחת תפילין לנכדו הבחור **שלמה זלמן** נ"ו בן לבנו **הרה"ג רבי יהושע שליט"א** ראה"כ דקהלתנו הק' בב"פ. **רבינו שליט"א** הניח תפלין של יד, וכיבד את מחותנו **הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א** ר"י מונקאטש, בהנחת תפלין של ראש. אחר תפלת שחרית ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת הלל. לתפלת מוסף נתכבד **הגה"צ ר"י מונקאטש שליט"א**.

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, כאשר בחורי הישיבה ועשרות אנשי שלומינו ממלאים את היכל הבית המדרש, ושרים ניגוני שבח והודיה לכבוד המאורע.

אחר ששרו ניגוני שמחה, חילק **רבינו שליט"א** מהמזונות לרמ"י הישיבה וחשובי אנ"ש שנכחו במקום, והשמיע דברי פתיחה לתלמידי הישיבות לרגל הזמן החדש. אחר כך עברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** לברך ולהתברך בברכת מזלא טבא.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך אין די פרשה רעדט די תורה פון לידת יעקב אבינו, דער מובחר שבאבות, דער עמוד התורה, איש תם יושב אהלים. די תורה פארציילט ווי אזוי רבקה האט זיך געפלאגט מיט די צווי קינדער, ויתרוצצו הבנים בקרבה, און זי איז געגאנגען לדרוש את ה', מה תהה בסופה. און מען האט איר געזאגט, שני גוים בבטנך, עס וועט זיין צוויי פעלקער, עס וועט אויסוואקסן א יעקב מיט א עשו, ושני לאומים ממעיך יפרדו, זיי וועלן זיך צוטיילן תיכף ווען זיי וועלן געבוירען ווערן, ולאום מלאום יאמוץ, ורב יעבוד צעיר, דער עלטערער וועט דינען דעם יונגערן. וימלאו ימיה ללדת, און עס איז ארויסגעקומען קודם עשו, ואחרי כן יצא אחיו, נאכדעם איז ארויסגעקומען יעקב, וידו אוחזת בעקב עשו, די האנט פון יעקב האט אנגעכאפט דעם עקב פון עשו, ויקרא שמו יעקב, לכבוד דעם האט מען אים א נאמען געגעבן יעקב (בראשית כה-כב).

**נפש** חיה הוא שמו (בראשית ב-יט), דער נאמען פונעם מענטש דאס איז דער שורש פונעם מענטש. אז מען האט א נאמען געגעבן יעקב, אויף ידו אוחזת בעקב עשו, איז דער טייטש אז דאס איז די שורש פון יעקב, ידו אוחזת בעקב עשו. וואס איז די נקודה וואס ליגט אין דעם. אין די מפרשים שטייט, אז וועגן דעם האט ער געהייסן יעקב, ווייל יעקב איז י' עקב, יו"ד איז דער ידו, דער יד האט אנגעכאפט דעם עקב פון עשו, האט מען אים גערופן יעקב. קומט אויס אז דער גאנצער נאמען פון יעקב, איז נישט נאר אז עס ווייזט אויפן עקב, נאר עס ווייזט אויך אויפן ידו וואס האט אוחז בעקב עשו. וואס איז דער ענין דערין.

**מען** האט געזאגט פאר רבקה, ורב יעבוד צעיר, דער עלטערער וועט דינען דעם יונגערן. למעשה איז דאך יעקב געווען דער צעיר, 'ורב', עשו וואס ער איז דער רב, 'יעבוד צעיר', וועט דארפן דינען דעם צעיר. און אזוי וועט זיין לעתיד, וואס יודען וועלן איבערבלייבן, און יעקב וועט זיין דער אדון, און אלע אומות העולם וועלן זיין נכנע אונטער כלל ישראל. די וועלט זאגט, אז ווען עס איז געווען ויתרוצצו הבנים בקרבה, יעקב מפרכס לצאת, און עשו מפרכס לצאת, האט יעדע קינד געוואלט ארויסקומען דאס ערשטע אויף די וועלט. ווען מען האט אבער געזאגט ורב יעבוד צעיר, אז דער עלטערער וועט דארפן דינען דעם יונגערן, האט זיך שוין קיינער נישט געאיילט ארויסצוגיין, ווייל דעמאלטס וועט ער דאך זיין דער רב, וואס ער וועט דארפן זיין דעם יעבוד צעיר. דעמאלטס האט זיך עס בארוהיגט, און עס איז נישט געווען מער ויתרוצצו הבנים בקרבה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, ורב יעבוד צעיר, 'צעיר' דאס איז יעקב, 'ורב' איז טייטש אסאך. ורב

יעבוד צעיר, יעקב דארף אסאך ארבעטן, און אסאך וועט ער זיך פלאגן, ביז ער וועט אויסוואקסן דער איש תם יושב אהלים. מען זאל נישט מיינען אז יעקב איז געבוירען געווארן אן א יצר הרע, ער איז געבוירען געווארן ווי א מלאך. עשו האט גענומען די שלעכטס, און יעקב איז ארויסגעקומען לויטער גוטס, און יעקב דארף זיך נישט פלאגן ער זאל אויסוואקסן א איש תם יושב אהלים, עס קומט שוין פון זיך אליין, ער איז געבוירען געווארן מיט אלע השלמות וואס א יוד דארף צו האבן. עס איז נישט אזוי. ורב יעבוד צעיר, דער צעיר וועט דארפן אסאך ארבעטן ביז ער וועט צוקומען צו זיין מדריגה. אזוי שטייט אין די גמרא (סוכה נב.) יעדער מענטש האט דער אייבערשטער באשאפן מיט א יצר הרע, און דער יצר הרע איז זיך מתגרה אין די גאנצע וועלט, אבער בישראל איז ער זיך מתגרה יותר פון די אומות העולם. א יוד האט א גרעסערן יצר הרע ווי א גוי, ער איז זיך מתגרה אין א יוד מער ווי אין א גוי. ובתלמידי חכמים יותר מכולם, די וואס זיצן אין בית המדרש און לערנען, אין זיי איז זיך דער יצר הרע מגרה מער ווי אין אנדערע. און וועגן דעם וועט דער יצר הרע נענש ווערן לעתיד, ווייל ער האט געטשעפעט יודען, און תלמידי חכמים האט ער געטשעפעט מער ווי אנדערע. - ורב יעבוד צעיר, דער צעיר וועט דארפן אסאך און אסאך הארעווען און ארבעטן, ביז ער וועט צוקומען צו זיין מדריגה.

**וועגן** דעם איז געווען ידו אוחזת בעקב עשו, ווען ער איז ארויסגעקומען האט ער אנגעכאפט די פיס פון עשו. דו זאלסט נישט מיינען אז ווען יעקב ווערט געבוירען, איז ער געבוירען געווארן אפגעטיילט פון דעם עשו, ער האט נישט קיין שום שייכות מיט קיין שלעכטס, ער איז אן אויסגעארבעטער מענטש, ער דינט דעם אייבערשטען. וואס וועגן דעם וועט א מענטש זאגן, נו איך בין דאך נישט אזוי געבוירען געווארן ווי יעקב, ממילא קען איך נישט צוקומען צו די מדריגה וואס יעקב איז צוגעקומען. ניין, וידו אוחזת בעקב עשו, ווען יעקב איז געקומען אויף די וועלט, האט ער אנגעכאפט די פיס פון עשו. ווי עשו וויל גיין, וויל איך אויך גיין, ער האט דעם זעלבן יצר הרע ווי עשו האט, און פון דעסטוועגן דאך איז ער זיך מתגבר אויפן יצר הרע, און ער איז א איש תם יושב אהלים, ער זיצט און ער לערנט.

**מען** האט אבער געזאגט ורב יעבוד 'צעיר', ער וועט נישט דארפן הארעווען זיין גאנצן לעבן דערויף, נאר צעיר, ווילאנג מען איז יונג. **די יונגע יארן וואס א מענטש האט, אויב דאס איז ער מקדש פארן אייבערשטען, ער נוצט אויס זיינע שני הבחרות, די ימי הנערות וואס ער האט, גיט ער אוועק נאר פאר תורה, און ער וואקסט אויס א תלמיד חכם און אן ערליכער איד, איז נאכדעם דאס לעבן פאר אים א לעבן פון תענוג און נחת.**

**די** שווערקייט איז נאר אין די יונגע יארן, ביז א מענטש ארבעט זיך אויף. אבער נאכדעם וואס ער איז אדורכגעגאנגען די יונגע יארן, און ער האט זיך אויסגעארבעט, האט ער שפעטער חיי נחת, א רואיג לעבן. 'ורב יעבוד', ער וועט דארפן אסאך ארבעטן, אבער 'צעיר', נאר ביז ווילאנג ער איז יונג. ווען א יוד איז מקדיש די יונגע יארן פאר תורה, עס אינטערעסירט אים גארנישט, נאר אז איך וויל אויסוואקסן א תלמיד חכם, איך גיי זיצן און לערנען, איך וועל אריינכאפן נאך א בלאט גמרא, און נאך א בלאט גמרא. עס איז די צייט וואס ער איז עוסק אין עבודת ה', זיך אויסצולערנען ווי אזוי א יוד דארף צו דאווענען, זיין דבוק אינעם אייבערשטען בשעת מען דאווענט, ער איז עומד לפני המלך. זיך אויסארבעטן די מידות, וואס א מענטש איז דאך געבוירען מיט שלעכטע מדות, עיר פרא אדם יולד (איוב יא-יב). יעדער איינער ווערט געבוירן מיט געוויסע שלעכטע מדות, און אז מען ארבעט זיך אויס ווילאנג מען איז נאך א יונג ביימעלע, האט מען שפעטער חיי נחת.

**די** וועג פון תורה איז א שווערער וועג. כך הוא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, נישט עסן, נישט טרינקען, נישט שלאפן, און לעבן חיי צער. אבער אם אתה עושה כן, אז דו גייסט אדורך דעם אנהייב, איז אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד). מען זאגט נישט אז דו וועסט זיין גליקליך לעולם הבא, מען וועט דיר געבן א גרויסער שכר בעולם הבא. נאר אז דו האסט דיך געפלאגט אויף תורה, וועט זיין אשריך 'בעולם הזה', דו וועסט זיין גליקליך אויף די וועלט, אמאל איז מען גליקליך אפילו אין גשמיות'דיגן לעבן. די משנה (אבות ד-ט) זאגט, המקיים את התורה מעוני, סופה לקיימה מעושר. מען פלאגט זיך אין די יוגענט, אבער

שפעטער איז סופה לקיימה מעושר. אבער אפילו מען קומט נישט צו צו די מדריגה, עס איז נישט קיין סופה לקיימה בעושר אויף די וועלט, אבער דער תענוג וואס א יוד האט פון עבודת ה', איז אינו דומה. **מען קוקט אן א לעבן פון א תלמיד חכם ווען ער האלט ביי די זיבעציג יאר, און מען קוקט אן די לעבן פון אן עם הארץ ביי די זיבעציג יאר, ווער פון די צוויי האט געהאט שענערע יארן אין זיין לעבן? דער עושר דער עם הארץ, צו דער תלמיד חכם וואס איז געזעסן באהלה של תורה, און געדינט דעם אייבערשטען. דער תענוג און נחת וואס א עובד ה' האט פון יעדן טאג פון זיין לעבן, יעדע מינוט איז ער מחשיב, און ער האט אזא תענוג אז ער קען טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, וואס דאס איז די גרעסטע תענוג וואס א מענטש קען האבן. עס וועגט אסאך און אסאך מער איבער, וויפיל דער תענוג וואס א בשר ודם קען האבן פון גשמיות'דיגע ענינים.** דאס איז דער אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא, מען איז גליקליך אויף די וועלט, און עס איז טוב לך לעולם הבא.

**מען** זאגט נאך פונעם הייליגן **רבי מרדכי לעכאוויטשער**, אז אמאל שבת ווען ער האט געגעסן די פצע"י, א מאכל לכבוד שבת, האט ער געזאגט, אז מען זאל אים גלייבן, אז א עושר בעושרו, און בעל תאוה אין זיינע תאוות, האט נישט אזא תענוג, ווי דער תענוג וואס ער האט ווען ער עסט א מאכל לכבוד שבת (עיין **תורת אבות**, שבת אות צט). ער האט נישט געזאגט, אז ווען ער זאגט קידוש אין שבת, צו ווען ער דאווענט אין שבת, צו ווען ער לערנט אין שבת, פון דעם רעדט מען גארנישט. ער האט גערעדט אפילו פון פשוט צו עסן א מאכל לכבוד שבת, האט ער געשפירט אזא תענוג. נישט ווייל די פצע"י איז אזוי גוט געווען, נאר ווייל ער האט געגעסן לכבוד שבת, און ער האט געקענט טון אזא עבודה פארן אייבערשטן, האט ער געזאגט, אז ער קען זיך נישט פארשטעלן אז א עושר קען שפירן א גרעסערן תענוג פון דעם וואס ער האט. דאס איז דער אשריך בעולם הזה, אז מען גיט אוועק די יונגע יארן וואס מען האט, עס אינטערעסירט אים גארנישט, איך וויל אויסוואקסן א תלמיד חכם און אן ערליכער איד, עס נעמט איננאנצען א פאר יאר, פון די דרייצן פערצן יאר, ביז די צוואנציג, דאס איז ער מקדיש פארן אייבערשטען, האט ער נאכדעם זיין גאנץ לעבן, א לעבן פון חיי שלוה ונחת.

**ורב** יעבוד צעיר, דער צעיר וועט דארפן אסאך ארבעטן. אבער ער וועט נאר דארפן ארבעטן 'צעיר', ווילאנג ער איז יונג. איינמאל ער איז עס אדורכגעגאנגען, האט יעקב אבינו געקענט אדורכגיין שפעטער זיין גאנץ לעבן אין א חיי נחת. מיט די צרות וואס ער האט געהאט, און מיט די שוועריקייטן פון עשו און לבן און אזוי ווייטער, אבער פון דעסטוועגן דאך האט עס נישט געשטערט זיין עבודת ה', און זיין תענוג וואס ער האט געהאט פון דינען דעם אייבערשטען.

*

**די** גמרא (הוריות יד.) זאגט, אז מען האט אמאל געדארפט אויפנעמען א מנהיג ביי יודען, און מען האט זיך געדינגען וואס איז מער, סיני צו עוקר הרים. עס איז דא 'סיני', עס איז דא איינער וואס איז כולל אין זיך די גאנצע תורה, ער איז בקי און ער קען אסאך. און עס איז דא איינער וואס איז א עוקר הרים, ער איז א גרויסער חריף. וואס האט מער חשיבות, דער סיני וואס קען אסאך, צו דער וואס איז א עוקר הרים. ביידע האבן דאך א מעלה, וועלכע קומט פריער. און מען האט גומר געווען, אז סיני עדיף, סיני איז מער, ווייל הכל צריכין למארי דחיטי, מען דארף קודם קענען די גאנצע תורה, און נאכדעם קומט די חשיבות פון עוקר הרים.

**קודם אין פשוט'ן פשט, דארף מען וויסן די חשיבות פון אריינכאפן ווי מער מען קען לערנען. נאך א בלאט גמרא, נאך א בלאט גמרא, נאך א ענין קענען. עס איז זייער וויכטיג צו לערנען עיון, עס איז זייער וויכטיג צו זיין א עוקר הרים, אבער דאס איז נאר א חלק פונעם טאג. מען דארף קונה זיין נאך א מסכתא און נאך א מסכתא, דאס איז דער סיני, וואס סיני איז עדיף.**

**נאר** עס קען זיין נאך א רמז, וואס עס איז געווען די שאלה, וואס עס איז בעסער, סיני צו עוקר הרים, און מען האט מחליט געווען אז סיני איז פריער. עס שטייט אין הייליגע ספרים, סור מרע ועשה טוב (תהלים לד-טו), א יוד דארף קודם זיין א סור מרע, אוועקגיין פון שלעכטס, זיך אפהיטן פון צו טון וואס מען דארף נישט, אוועקצוגיין פון טון וואס איז רעה, נאכדעם האט א חשיבות דער עשה טוב, דינען דעם אייבערשטן און טון גוטס. ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי (תהלים נ-טז), א רשע ביז ווילאנג ער

איז נישט אוועקגעגאנגען פונעם רעה, האט נישט קיין חשיבות דער עשה טוב וואס מען טוט. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער טוב וואס מען טוט גייט גאר צו די קליפות. סור מרע, א יוד דארף זיך קודם מקדש זיין, זיך הייליגן, און נאכדעם קומט ער צו, צו עשה טוב.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (**דרשות חתם סופר** תה.), אז עס שטייט ביי אברהם, ויעתק משם ההרה, מקדם לבית אל (בראשית יב-ח). זאגט ער, דער יצר הרע ווערט אנגערופן 'הר', אזוי ווי די גמרא (סוכה נב.) זאגט, צדיקים נדמה להם כהר, ביי צדיקים איז דער יצר הרע א בארג. זאגט דער הייליגער חתם סופר, קודם דארף זיין ויעתק משם ההרה, מען דארף אוועקנעמען פון זיך דעם בארג, מען דארף זעהן זיך אפצושיידן פונעם יצר הרע. און דאס דארף זיין 'מקדם לבית אל', פאר ער זעצט זיך אריין אין בית אל, צו זיצן אין בית המדרש און לערנען. פאר ער טוט דעם 'עשה טוב', דארף זיין ויעתק משם ההרה, דארף ער אוועקנעמען דעם הר. אזוי איז דער סדר פון די עבודה, סור מרע ועשה טוב.

**פון** דעסטוועגן דאך שטייט פונעם **בני יששכר** (בהקדמה לספרו **דרך פיקודיך**), אז אין אונזערע דורות, אויב אונז וועל מיר ווארטן ביז אונז וועל מיר אוועקגיין אינגאנצען פונעם רעה, וועט מען קיינמאל נישט צוקומען צום עשה טוב. יעדער איינער לעבט אין נסיונות, עס איז א שווער דור, און היינט איז נאך שווערער, עס איז קיינמאל נישט געווען אזוי שווער פאר א בחור צו בלייבן ערליך, אזוי ווי עס איז די היינטיגע צייטן. און אז מען וועט אייביג זיין פארנומען מיט דעם רעה וואס איז אדורכגעאנגען, און ביז ער איז נישט מתקן זיין רעה, גייט ער נישט צום עשה טוב, וועט ער אין ערגעץ נישט אנקומען. זאגט דער הייליגער בני יששכר, אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמה לא תפנה (אבות ב-ד), זאג נישט 'לכשאפנה', ווען איך וועל מיך קודם אויסרייניגן, איך וועל קודם אויסקערן אלע שלעכטס וואס איז דא אין מיר, דעמאלטס 'אשנה', דעמאלטס וועל איך זיך זעצן לערנען, 'שמא לא תפנה', אפשר וועסטו נישט אנקומען אויסצורייניגן דעם שלעכטס.

**אין** אזא צייט דארף מען אנדערש טייטשן. סור מרע, מאך דיך נישט וויסענדיג פון דעם שלעכטס, גיי אוועק פון דעם רעה, ועשה טוב, זיי דיך מדבק אין עשה טוב, **נישט זיין פארנומען מיט נסיונות וואס מען האט, מיט דורכפעלער וואס מען האט, עס דארף נישט שטערן. אז מען איז אדורכגעפאלן, גייט מען ווייטער, און מען זעצט זיך לערנען, און מען דינט דעם אייבערשטען.** סור מרע, לאז דיך אפ פונעם רעה, דער עיקר איז ועשה טוב, לייג דיך אריין אינעם עשה טוב.

**עס** שטייט אין מדרש (פתיחתא לאיכה ב), אז ביים חורבן בית המקדש האט דער אייבערשטער געזאגט, הלואי אותי עזבי ותורתי שמרו, שהמאור שבה מחזירו למוטב, דער מאור פון תורה איז מחזיר למוטב. אין הייליגע ספרים שטייט א משל דערויף, אזוי ווי א ליכט, איז מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך, עס איז חושך, א פינסטערע שטוב, און מען האט אביסל אנגעצינדן א ליכט, טוט עס שוין ליכטיג מאכן דעם חושך. אזוי אויך זענען עניני רעה חושך, און תורה דאס איז אור, תורה מאכט ליכטיג. די תורה וואס מען לערנט, דאס טוט אוועקנעמען דעם חושך.

**א** יוד דארף נישט קוקן אויפן רעה, נאר אייביג עוסק זיין אין עשה טוב. עס איז נישט קיין חילוק אין וואס פאר א מצב מען איז, און ווי אזוי ער שטייט, ווי אזוי עס איז געווען זיינע יונגע יארן, און ווי אזוי עס איז זיינע יעצטיגע טעג. ער דארף זיך אריינווארפן אין תורה און עבודת ה', כאילו עס וואלט גארנישט געווען. אוודאי דארף מען תשובה טון אויף וואס עס איז געווען, דאס דארף מען אוועקלייגן אויף באזונדערע צייטן, ראש השנה, יום כיפור, ערב ראש חודש, דאס איז זמנים פון תשובה. אבער דער עיקר פון די עבודה דארף זיין, יעדן טאג מרבה זיין אינעם עשה טוב.

**קומט** דאך אויס, אז עס איז דא צוויי ערליי עבודות. עס איז דא אן עבודה פון סיני, ער זאל זיצן און לערנען תורה, וואס איז געגעבן געווארן בסיני. און עס איז דא אן עבודה פון עוקר הרים, מען דארף עוקר זיין דעם יצר הרע, און עס זאל זיין סור מרע. האט מען געפרעגט, וועלכעס איז עדיף, וועלכעס איז קודם, צו דארף מען קודם האבן דעם עוקר הרים, קודם זאל מען אוועקנעמען דעם סור מרע, און נאכדעם זאל מען זיך נעמען צום סיני. האט מען

מחליט געווען אז סיני עדיף. ווייל אויב דו וועסט ווארטן ביז דו וועסט זיין אן עוקר הרים, וועסטו אין ערגעץ נישט אנקומען. דו דארפסט אנהייבן מיטן סיני, אנהייבן צו זיצן און לערנען און מקדיש זיין יעדע מינוט פאר תורה, און פון דעם וועט שוין צוקומען שפעטער, אז דער מעט מן האור, וועט דוחה זיין הרבה מן החושך, און דער מאור שבה וועט מחזיר זיין למוטב.

**יעקב** האט געהייסן יעקב, ווייל ידו אוחזת בעקב עשו. יעקב איז געווען א איש תם יושב אהלים, אפילו ווען ער האט געהאט נסיונות, און פון איין זייט האט זיין האנט נאך אלץ אנגעכאפט דעם עקב עשו, ער וויל אויך גיין דארט וואו עשו גייט. עשו גייט נאך, נאך די תענוגי עולם הזה, און ער האט אויך דעם זעלבן חשק נאכצוגיין וואו דער עשו גייט, פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך אוועקגעריסן פון דארט, ער איז געווארן א איש תם יושב אהלים. עס האט אים נישט געשטערט אז אין די זעלבע צייט וואס ער איז א איש תם יושב אהלים, האט ער נאך א אחוזה, און ער וויל נאך אנכאפן דעם עקב עשו. דאס איז געווען יעקב. די תורה האט אונז אויסגעלערנט, אפילו ווען עס איז ידו אוחזת בעקב עשו, אפילו ווען מיט איין האנט כאפט ער נאך אן דעם עקב עשו, ביסטו דאך א יעקב, און דיין עבודה איז צו זיין א איש תם יושב אהלים, זיצן אין בית המדרש, און לערנען און דינען דעם אייבערשטען. דאס איז די עבודה פון יעקב, נישט קוקן וואס איז געווען, און נישט קוקן אין וואס פאר א מצב ער איז, נאר שטענדיג זיך אריינווארפן אין לימוד התורה.

*

**תפלה, דאווענען, איז די צייט אין די יוגענט. אלץ יונגערמאן איז זיך שווער אויסצולערנען דאווענען, אבער אז מען לערנט זיך אויס אין א צייט וואס ער איז יונג, און ער האט נישט קיין טירדות, ער האט נישט קיין עול פרנסה אויף זיין קאפ, עס שטערט אים גארנישט, ווער שטערט אים פון צו דאווענען מלה במלה, ווארט ביי ווארט, דאווענען מיט כוונה, כעומד לפני המלך, און זיך מדבק זיין בשעת'ן דאווענען אינעם אייבערשטען. עס איז א געוואוינהייט וואס מען דארף זיך צוגעוואוינען ווילאנג מען איז יונג, עוסק צו זיין אין עבודת התפלה.**

**די** גמרא (ברכות ו:) זאגט, כל הקובע מקום לתפלתו, ווען א מענטש איז קובע מקום לתפלתו, איז ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, זאגט מען אויף אים, האי חסיד האי עניו מתלמידיו של אברהם אבינו, אברהם אבינו האט אויך קובע געווען מקום לתפלתו. עס קען זיין אז דער פשט דערפון איז, עס שטייט פון **בעל שם טוב הק'** (פרשת נח אות נו), אז דער מענטש איז דארט ווי זיין מחשבה איז. דער מענטש איז נישט וואו ער שטייט, דער מענטש איז וואו זיין קאפ איז. דארט וואו דער קאפ איז, וואו די מחשבה איז, דארט איז דער עיקר פונעם מענטש, דארט ווערט גערעכנט וואו דער מענטש שטייט. מען געפונט אין די גמרא (ברכות ל.), אז א מענטש דארף זיך שטעלן דאווענען צו מזרח זייט, ווייל דאס איז כנגד ירושלים. ער דארף מכוין זיין לבו כנגד ארץ ישראל, כנגד ירושלים, וכנגד מקום המקדש, וכנגד קדשי קדשים, וואס דארט איז די השראת השכינה, והתפללו אליך דרך ארצם (מלכים א ח-מח). איי דו שטייסט דאך אין חוץ לארץ, זאגט מען ניין, ווען דיין קאפ וועט אבער זיין אקעגן דעם בית המקדש, ווערט גערעכנט אז דו שטייסט אין בית המקדש, און דארט דאווענסטו, און דארט איז דער מקום פון קיבול התפלות. ווייל דער מענטש איז נישט דארטן וואו ער איז, דער מענטש איז דארטן וואו זיין מחשבה איז.

**קומט** אויס, א מענטש קען זיך אמאל שטעלן דאווענען, און ער שטעלט זיך אוועק לפני המלך, און מחשבות הייבן אן תיכף ארויפצוגיין, און א מינוט שפעטער איז ער שוין אינדרויסן אויף דער גאס, און צוויי מינוט שפעטער איז ער שוין אויף יענע עק וועלט, ער האט נישט איין פלאץ ווי ער דאווענט, ער איז יעדע האלבע מינוט ערגעץ אנדערש, אלע זיינע מחשבות קומען אים אריין אינמיטן דאווענען. און אז א מענטש איז דארט וואו זיין מחשבה איז, קומט אויס אז ער שטייט אביסל אין בית המדרש, און אביסל אויף דער גאס, און אביסל אין ישיבה, און אביסל אינדערהיים, ער האט נישט קיין מקום קבוע וואו ער דאווענט.

**א** יוד דארף זיין א קובע מקום לתפלתו, ווען דו שטעלסט דיך דאווענען קאנצענטריר דיין גאנצע קאפ צו שטיין פארן מלך פון אנהייב דאווענען ביז דו ענדיגסט דאס דאווענען. כל הקובע מקום לתפלתו,

ווען א מענטש איז קובע זיין פלאץ צו דאווענען, אז ווען ער דאווענט שטייט ער אויף איין פלאץ, און זיינע מחשבות גייען נישט אוועק, עס טראגט אים נישט אוועק, אז אביסל שטיי איך דא, און אביסל בין איך ערגעץ אנדערש, דעמאלטס איז אלקי אברהם בעזרו, דעמאלטס האט ער דעם כח, אז די תפלות זאלן נתקבל ווערן.

**מען** זאגט נאך פון א צדיק, אז א יוד האט אמאל געדאווענט, און נאכן דאווענען גייט צו דער רבי, און ער גיט אים שלום עליכם. זאגט ער, רבי, איך בין נישט יעצט געקומען פון אונטערוועגנס. זאגט ער אים, ביי די שמונה עשרה ביסטו געווען אין לייפציג, ממילא ביסטו יעצט צוריקגעקומען, געב איך דיר שלום פון ווי דו קומסט... - אלה ברכב ואלה בסוסים, ווען א גוי וויל ערגעץ אנקומען, דארף ער גיין מיט רכב וסוסים, ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר (תהלים כ-ח), ווען מיר טוען דערמאנען דעם אייבערשטען'ס נאמען, דעמאלטס גייען מיר אויף דארט וואו זיי גייען מיט רכב וסוסים... - א מענטש קען אמאל זיין, אז זיין קאפ איז נישט דא, ער געפונט זיך ערגעץ אנדערש. און דארט וואו זיין קאפ איז, דארט איז דער מענטש. און אז מען איז בקדושה, און מען געפונט זיך לפני המלך, שטייט ער פארן אייבערשטען.

**אין** עמידה אלא תפלה (ברכות כו:), תפלה איז עמידה, ווען דו שטעלסט זיך דאווענען, שטיי אויף איין פלאץ. גיי נישט ארום, זיי נישט דא אביסל און דארט אביסל. ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, דארף ער שטיין אויף איין פלאץ, און אזוי דאווענען פאר'ן אייבערשטען. דאס איז דער הקובע מקום לתפלתו, ער איז זיך קובע א מקום צו דעם דאווענען, אז דארט וואו ער שטעלט זיך דאווענען, דארט שטייט ער פון אנהייב דאווענען ביז צום סוף. עס זאגט זיך זייער גרינג, עס איז זייער א שווערע עבודה, מען קען זיך היינט קוים קאנצענטרירן אפילו נאר אויף צוויי דריי מינוט, עס איז אן עבודה. ורב יעבוד צעיר, מען דארף זיך צוגעוואוינען, אז ווען מען שטעלט זיך דאווענען, זאל מען מסלק זיין די מחשבות פון ארום און ארום, זיך אריינלייגן אין די ווערטער פון די תפלה וואס מען דאווענט, און אזוי צו בעטן.

**מען איז יונג, מען האט אזויפיל צו בעטן פונעם אייבערשטען. מען האט צו בעטן אויף הצלחה אין תורה, מען האט צו בעטן אויף הצלחה אין עבודת ה'. מען דארף טרעפן א שידוך שפעטער, און מען דארף אויפשטעלן א שטוב, מען האט דאך נישט קיין השגה וואס א מענטש דארף אדורכגיין שפעטער אלע זיינע יארן וואס ער לעבט. און דאס אלעס פועל'ט מען אויס ביים דאווענען. ווען מען איז יונג, און מען האט צייט צו דאווענען, מען האט כוונות התפלה, קען ער מיט זיין דאווענען וואס ער דאווענט פארן אייבערשטען, אויס'פועל'ן זיין גאנץ לעבן. דער באשעפער איז א שומע תפלת כל פה, ער הערט צו יעדע תפלה וואס מען בעט, מען דארף נאר בעטן, און ערליך בעטן, איז דער באשעפער מקבל די תפלות.**

**עבודת המדות, מען דארף ארבעטן אויף זיך. לערנען ספרי מוסר, לערנען חסידישע ספרים, און זיך קונה זיין מדות טובות. פון צייט צו צייט דארף יעדער מענטש האבן א געוויסע מידה, וואס אויף די מידה גיי איך יעצט ארבעטן, און איך גיי זיך זעהן משלים צו זיין דערין. און אזוי צוביסלעך צוביסלעך וואקסט מען אויס אן אדם השלם.**

*

**און ווי מען האט פריער געזאגט, סיני עדיף, דער עיקר איז לימוד התורה. איך זאג אלץ פאר די בחורים, עס איז דא די שיעורים פון די ישיבה וואס מען לערנט, ב"ה מען האלט שוין א חודש אינעם זמן, און ב"ה מען לערנט פלייסיג, דער קול תורה הערט זיך נישט אויף, מען נוצט אויס יעדע צייט פאר תורה. עס איז אבער דא אסאך זייטיגע צייטן וואס א בחור האט. די לימודי הישיבה זענען געמאכט געווארן, אז יעדער זאל קענען אנקומען דערמיט, אפילו א בינוני און א חלש. אבער דער וואס איז מער פון דעם, האט דאך אסאך און אסאך מער מעגליכקייטן קונה זיין פון וויפיל מען לערנט אין ישיבה. ער דארף האבן אן עקסטערן לימוד אין דער זייט, וואס ווען ער האט פרייע צייט, לערנט ער דעם לימוד.**

**מען לערנט 'ובהם נהגה', עס איז דא א גרויס חלק פון די בחורים וואס האלטן מיט, כאטש מסכת יבמות איז שווער, פון דעסטוועגן דאך האלט מען מיט. ביי די בחינות האב איך געזעהן אז די בחורים זענען געקומען, און זיי האבן גענומען די בחינות דערויף. אבער אפילו ער נעמט נישט קיין בחינות, ער האלט נאך נישט ביי די מדריגה צו נעמען בחינות, אבער**

כאפ אריין, יעדן טאג אז דו קענסט לערנען נאך א עמוד גמרא, נעם אויף דיר אן עול אנצוקומען און לערנען. יעדער בחור דארף האבן א שאיפה, וואס וויל איך דעם זמן אנקומען, וואס וויל איך קענען, איך דארף קענען די סדרי הישיבה, אלעס וואס מען האט געלערנט וויל איך קענען. און אויסער דעם, וואס נאך וויל איך אנקומען און קענען דעם זמן. ווען מען האט א פלאן צו וואס ער וויל אנקומען, דעמאלטס איז מען מצליח.

'תורה שבכתב'. פאר א יאר צו צוויי יאר, האט מען אנגעהויבן צו לערנען חומש רש"י, און אסאך בחורים האבן זיך צוגעשטעלט דערצו, עס איז געווען פול די בית המדרש מוצאי שבת, וואס מען האט זיך פארהערט חומש רש"י וואס מען האט געלערנט. איך מיין אז עס איז אביסל שוואכער געווארן, קען זיין, אז מען קען שוין פון פאריאר און צוויי יאר, מיינט מען אז מען דארף שוין נישט איבער'חזר'ן, אבער עס איז נישט שווער, מען דארף קענען גאנץ תורה שבכתב. חומש און רש"י דאס איז דער יסוד פון די תורה. יעדן טאג זאל מען לערנען איין פרשה, ביז שני, שלישי, רביעי, מען דארף נישט לערנען די גאנצע אויף איין מאל. און זעהן מיטצוהאלטן ווייטער אויך, זיך צו פארהערן סוף וואך די חומש רש"י וואס מען האט געלערנט. און דאס איז אונזער עבודה, אויסצונוצן אונזער צייט פאר תורה און עבודת ה'.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז דער זמן זאל זיין מיט אסאך הצלחה, און קענען אויסנוצן יעדע מינוט צו דינען דעם אייבערשטען. עס קומט א שבת קודש, א גאנצן טאג וואס מען איז נישט אין ישיבה, עס איז א דערהויבענער טאג, איך דארף נישט אראפלייגן וואס א שבת איז. ווער שטערט אים צו דאווענען שבת שטאט, דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, נישט אנקומען אינמיטן דאווענען, נאר אנקומען אסאך פריער בעפאר מען שטעלט זיך דאווענען, און דאווענען מלה במלה. עס שטערט קיינעם נישט, ער האט נישט וואו זיך צו יאגן. דער שבת קודש דארף זיין קודש לה', די סעודות פון שבת דארפן זיין הייליג, זיך צוזאמקומען און זינגען זמירות פאר'ן אייבערשטען, אויסצונוצן אז דער שבת זאל זיין קודש לה'. און דורכדעם וואס מיר וועלן זיך פירן וואו עס דארף צו זיין, און מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען, וועט דער באשעפער מקבל זיין אלע אונזערע תפלות, און אויסוואקסן תלמידי חכמים און יראי ה'. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

## *שבת קודש פרשת תולדות*

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים מהרה"ק **בעל יושר דברי אמת זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ב' כסלו). גם שרו ניגוני שמחה לרגל השמחה בבית **רבינו שליט"א** בהולדת הנין אצל נכדו **הרב יוסף ראזנער שליט"א**. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של בן הרב לוי יצחק לינדנער שליט"א. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחה.